## ייִדען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאַנד

## היינט 8 זייטען


Oplata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פּרייז 15 גראָשען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 113 | Łódź, Poniedziałek, 14 maja 1934 r. | צוועלפטער יאָהרגאַנג | לאָדז, מאָנטאָג, כ"ט אייר תרצ"ד | № 113

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71


# דימיסיע פון דער רעגירונג

## פּראָפ. ד"ר קאָזלאָווסקי בילדעט דעם נייעם קאַבינעט

וו אַ ר ש אַ, 13 (טעלעפאָניש)

היינט 10 אַ זייגער אינדערפריה איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון מיניסטאָרען ראַט, נאָך וועלכער דער פּרעמיער יענדזשעיעוויטש איז אַוועק אין שלאָס, וואו ער האָט אין זיין אייגענעם נאָמען און אין נאָמען פון דער גאַנצער רעגירונג בעלייגט אַ ביטע וועגען דימיסיע.

דער מלוכה-פּרעזידענט האָט די דימיסיע אָנגענומען, און איבערגעגעבען די מיסיע פון בילדען אַ נייעם קאַבינעט צום פּראָפ. ד"ר לעאָן קאָזלאָווסקי.

וו אַ ר ש אַ, 13 (טעלעפאָניש).

פּראָפ. קאָזלאָווסקי האָט שוין פערקניפט אונטערהאַנדלונגען מיט אַ רייה פערזענליכקייטען וועגען זייער אריינטריט אין דער נייער רעגירונג.

די ליסטע פונ'ם נייעם קאַבינעט זאָל מאָרגען בייטאָג ווערען פאָרגעשטעלט פאַר'ן מלוכה-פּרעזידענט.

ב ע ר ל י ן, 13 (ספּ. טעל.)

אין די פּאָליטישע קרייזען האָט די ידיעה וועגען קאַבינעט-קריזיס אין פּוילען נישט געמאַכט קיין גרויסען איינדרוק. מען האַלט, אַז קיין שום שינויים אין דער אויסערן-פּאָליטיק וועלען נישט פאָרקומען, און אַז דאָס איבערגעבען די מיסיע פון שאַפען אַ נייעם קאַבינעט צום פּראָפ. קאָזלאָווסקי (איצטיגער וויצע-פינאַנץ-מיניסטער) בעדייט דאָס ווענדען די הויפּט-טעטיגקייט פון דער נייער קומענדער רעגירונג אויפ'ן קאַמף מיטן עקאָנאָמישען קריזיס.

## גרויסע פּאָליטישע פּראָצעסען אין דייטשלאַנד

ב ע ר ל י ן, 13 (ספּ. טעל.)

בקרוב הויבט זיך אָן אין דייטשלאַנד אַ רייה סענסאַציאָנעלע פּאָליטישע פּראָצעסען.

דעם הויפּט-אינטערעס רופט ארויס דער פּראָצעס געגען דעם קאָמוניסטישען פיהרער ערנסט טעלמאַן, וועלכער איז ארעסטירט געוואָרען אין די ערשטע טעג פון היטלערס קומען צו דער מאַכט. מען מאַכט איהם פעראַנטוואָרטליך פאַר'ן טויט פון 17 שטורמיסטען, וועלכע זענען אין 1932 דערשאָסען געוואָרען דורך קאָמוניסטישע באַנדעס אין אלטאָנאַ.

## א שיפס-קאַטאַסטראָפע אין דייטשלאַנד

ב ע ר ל י ן, 13 (ספּ. טעל.)

פון ברעמענער האַפען מעלדעט מען, אַז שבת איז אויף דער וועזער צוזאַמענגעשטויסען דער דאַמפער „אלבערט באַליין" מיט דער לאַסטשיף „מערקורי".

„מערקורי" איז אונטערגעגאַנגען, ס'זענען ניצול געוואָרען 5 מאַטראָזען מיט'ן קאַפּיטאַן. 8 פערזאָן זענען דערטרונקען געוואָרען.

## נישט דערלאָזט א מיטינג

### וועגען די איינוואַנדערונג-בעגרענצונגען אין ארץ ישראל

ירושלים, 13 (יט"א טעלעגראַפיש).

דער פּראָטעסט-מיטינג געגען די עליה-בעגרענצונגען פון דער ארץ-ישראל רעגירונג וועלכער איז צונויפגערופען געוואָרען דורך דער קהלה-פערוואַלטונג פון תל-אביב איז דורך דער פּאָליצי פערבאָטען געוואָרען.

אויפ'ן מיטינג האָבען געזאָלט אַרויסטרעטען הרב בערלין, ד"ר צבי מאַסיבזאָן א. אַנדערע.

עטליכע מינוט פאַרן עפענען דעם מיטינג איז די פּאָליציי געקומען אין זאַל און ערקלערט אַז דער מיטינג ווערט פערבאָטען.

דער צוזאַמענגעקומענער עולם איז רוהיג פונאַנדערגעגאַנגען.

## ארץ-ישראל-בעריכט איבערגעגעבען געוואָרען דעם הויך-קאָמיסאַר

ירושלים, 13. (יט"א טעלעגראַפיש).

די עקזעקוטיווע פון דער ייִדישער אַגענץ האָט איבערגעגעבען דעם הויך-קאָמיסאַר וואוכאָפּ דעם בעריכט פאַרן לעצטען יאָהר, וועלכער איז בעשטימט פאַר דער מאַנדאַט-קאָמיסיע פון דער פעלקער-ליגע.

צום בעריכט איז צוגעלייגט אַ בעגלייט-בריף, וועלכער איז אונטערגעשריבען געוואָרען דורכן פּרעזידענט נחום סאָקאָלאָוו.

ווי די יט"א ערפאָרט זיך, ווערט אין דעם בעגלייט-בריף בעריהרט די עליה-פראַגע, דער אַרבייטער-מאַנגעל אין ארץ-ישראל און די ייִדישע לאַגע אין דייטשלאַנד.


נאָך לאַנגע שווערע ליידען איז געשטאָרבען אונזער ליבע

נ"ע מינע

ווייסברעם

(געבוירענע מאַזור)

די לויה קומט פאָר היינט מאָנטאָג, דעם 14-טען מאַי ה. י. 2.30 בייטאָג פון טהרה-הויז, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.



אלע אין ווילקער שוהל (זאַכאָדניאַ 56)

היינט, מאָנטאָג, דעם 14 מאַי, 8 אָוונט, קומט פאָר אין ווילקער שוהל

א פייערליכע אקאדעמיע,

„חפץ-חיים" ספר-תורה

מיט דער בעטייליגונג פון די וועלט-בעריהמטע גאונים, די גרעסטע ראשי-הישיבות פון די קרעסען, הגאון ר' ירוחם לעוואָוויץ שליט"א, דער גייסטיגער פיהרער פון די ליטווישע ישיבות און הגאון ר' אלחנן וואַסערמאַן שליט"א ראש-הישיבה פון באַראַנאָוויץ און נאָך אַ רייה חשוב'ע רבנים פון ליטע און גלענצענדע רעדנער. —:— אותיות קען מען קויפען ביי הרב סענאַל (פּאָלודניאָוואַ 25). דער פּרייז פון איין „אות" בעטרעפט 2 זל.

אויף וועלכער ס'וועט פאָרטגעזעצט ווערען די „אותיות"-איינשרייבונג אין דער



יאַנאַס טורקאָוו — און — דיאַנאַ בלומענפעלד

מיט דעם אַנסאַמבל פון וואַרשאַווער „קאַמעראַל"-טעאַטער

פאַנגען אָן זייערע גאַסט-שפּילן די טעג אין לאָדז.

וואו? ווען? פּרטים קומען



אויערן, נאָז און האַלז-קליניק

מיט בעטען פון Dr.

Z. Rakowski

פּעטריקאָווער 67, טעל. 127-81

נעהמט אָן שטענדיגע קראַנקע (צוועק אָפּעראַציע א. ז. וו.) ווי אויך אַמבולאַטאָרישע פון 11—2 און פון 5—8 אָוונט.



עפענטליכע וואָרנונג!

דערמיט מעלד איך דער עפענטליכקייט, אַז מיין מאַן

משה נחום פוקס

(וואָלבאָרסקאַ 32)

וועלכען איך האָב נאָך נישט געט'ט, גרייט זיך אין קורצען חתונה צו האָבען מיט אַ צווייטער פרוי. איך וואָרען דערום די כלה פון מיין מאַן, נישט צו נעהמען מיט איהם חופה וקדושין. אין געגענפאַל וועט זי האָבען אומשטענדען. די פרוי.



ג עכטען צווישען 10—12 פאַרמיטאָג האָט מען מיר פון מיין וואָהנונג שרודמיעסקאַ 68 אַרויסגענומען אַ מאַרינאַרקע מיט אַ זייגער'ל, 3 שליסלען ווי אויך נאָטיץ-ביכעל מיט אַ קאָנווערט, וואָס האָט ענטהאַלטען פערשידענע פּאַפּירען, וואָס האָבען פאַר קיינעם קיין שום ווערט נישט. ס'ווערט געבעטען געגען בעלוינונג די דאָקומענטען מיר אָפּצושיקען שרודמיעסקאַ 68 צו גרילאַך אָדער צו פערשטענדיגען זיך מיט מיר טעלעפאָניש נומער 167-57. דיסקרעציע געזיכערט.



אונזער חשוב'ן סימפּאַטיקער און שפענדער פון אונזער אינסטיטוציע ה' משה קאַפּעל צוליב'ן טויט פון זיין אומפערגעסליכער

מוטער נ"ע

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל מיט די טראַדיציאָנעלע ווערטער: המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

די פערוואַלטונג פון אינטערנאַט און פערמע אין העלענובעק.


2009

